**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/26/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול אנאנסירט אומזיסטע הערבסט ׳פאָליעדזש׳ שאַטל צו די אדיראנדעקס דעם סוף-וואך

***אקטאבער שאַטל העכערט פובליק זיכערהייט דורך פארזארגן אומזיסטע, באקוועמע צוטריט פון נאָרט הודסאן צו פאפולערע אדיראנדעק הויכפונקט טרעיל ארייגאנגען***

***טייל פון סטעיט׳ס אנגייענדע אנטשלאסנקייט צו זיכערהייט, שטאנדהאפטיגע באניץ און יושר׳דיגע צוטריט צו די אפן-לופטיגע ערטער***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן א נייעם, בחינם׳דיגן שאַטל סערוויס פאר באזוכער וואס פארן זען די הערבסט ׳פאָליעדזש׳ אין די אדיראנדעקס אנגעהויבן דעם סוף-וואך אין נאָרט הודסאן. שאַטלס וועלן לויפן די ערשטע צוויי וויקענדס אין אקטאבער פון דעם פראנטיער טאון געיטוועי צו דעם דזשייענט מאונטען, ראורינג ברוק פאָלס, און רוסטער קאמב טרעיל ארייגאנגען, ווי אויך דעם מארסי פיעלד פארקינג אפטיילונג.

״די הערליכסטע הערבסט ׳פאָליעדזש׳ אין דער וועלט איז אט דאהי אין אונזער סטעיט, און ניו יארקער קומט זיך צו ענטפאנגען די סצענעס אויף א זיכערן און באקוועמען אופן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״צו פארזיכערן די אפגעהיטנקייט פון איינוואוינער און באזוכער אין די אדיראנדעקס, ניו יארק און אונזערע פילצאליגע ארטיגע צוזאמארבעטער שטעלן אין גאנג א נייעם אקטאבער שאַטל וואס וועט העלפן פארמיידן געדראנג לענגאויס געדרענגעניש קארידארן אין די הויכע שפיצפונקטן און ווייטער פארזארגן א הויכע קוואליטעט אפן-לופטיגע פארוויילונג דורכלעבעניש דעם ׳פאָליעדזש׳ סעזאן.״

דער פראגראם, [צום ערשט אויסגעמאלדן אין יולי](), איז א שותפות צווישן דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג (DEC), עסעקס קאונטי, דער ראיאנישע אפיס פון שטאנדהאפטיגע טוריזם (ROOST), די טאונס קיען און נאָרט הודסאן, און דער פריוואטער אייגנטימער פון פראנטיער טאון געיטוועי. דאס שאַטל טוט אנבאטן פאר הייקערס די געלעגנהייט צו זען די הערבסט ׳פאָליעדזש׳ פון איר בעסטן זע-פונקט — אויפ׳ן טרעיל — אן זיך דארפן ספראווען מיט אהינ׳דרייוו׳ען און פארק׳ען ביי פארנומענע טרעיל ארייגאנגען. עס איז [איינע פון פילע אונטערנעמונגען וואס ווערן ארויסגעשטעלט אין די אדיראנדעק און קעטסקילס]() היי-יאר צו העלפן באשיצן פובליק זיכערהייט און שטיצן שטאנדהאפטיגע פארוויילונג, אין צוגאב צו גאווערנער האוקול׳ס הייבן א רעקארד 400 מיליאן דאלערדיגע ענווייראנמענטאלע באשיצונג פאָנד וואס רעכנט אריין 8 מיליאן דאלער ספעציפיש פאר אדיראנדעק און קעטסקיל באזוכער זיכערהייט און וואלד באשיצונג.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראנמענטאלע אפהיטונג קאמיסיאנער באסיל סעגאוס האט געזאגט,** ״גאווערנער האוקול און DEC אנערקענען ווי וויכטיג עס איז צו ווייטער שטיצן א ברייט-ארומנעמנדע סטראטעגיע צו פארבעסערן זיכערהייט, שטאנדהאפטיגקייט און גלייכבארעכטיגטע צוטריט

פאר די וואס זוכן הנאה צו האבן פון אפן-לופטיגע פארוויילונג. דאס נייסטע שאָטל וועט העלפן מוטיגן באזוכענישן צו עטליכע פון אונזערע הערליכסטע ארויסבליק-פונקטן און גלייכצייטיג העלפן פארמיידן אומלעגאלע פארקינג און אנדערע פובליק זיכערהייט זארגן. מיר מוטיגן אלע באזוכער צו ׳וויסן בעפאר איר גייט׳ און זיך צו גרייטן פאר גאר א געשמאקן טאג אין די אפענע לופטן דעם הערבסט.״

**סטעיט סענאטאר דען סטעק האט געזאגט,** ״טויזנטער מענטשן קומען צו די אדיראנדעקס יעדעס יאר צו הייק׳ען און צו זען די הערבסט ׳פאָליעדזש׳. דאס הערבסט ׳פאָליעדזש׳ שאָטל וועט ערמעגליכן פאר נאך מער ניו יארקער צו געניסן, דורכלעבן און הנאה האבן פון אונזער ראיאן׳ס נאטורליכע שיינקייט.״

**אסעמבלי-מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** ״איינע פון די גרעסטע הינזיכטן פון וואוינען אין דער נארט קאנטרי איז דער מתנה פון קענען צוזען די נאטורליכע שיינקייט פון די אדיראנדעקס אין פארלויף פון פיר סעזאנען. מיט א מערקווירדיגע זומער אונטער אונז, איז דער העכסט-אינספירירנדע וויזועלע ספעקטאקל פון הערבסט ׳פאָליעדזש׳ שוין אנגעהויבן אנצוקומען. סיי איינוואוינער און סיי באזוכער וועלן קומען אויף ארומצונעמען די וואונדערליכע נאטורליכע שיינקייט פון לעבהאפטע קאלירפולע גלאנץ וואס ווערט געווארפן איבער אלע שפיץ בערג און טאלן פון די הויכע שפיצפונקטן ראיאן און ווייטער ארום. דאס פארזיכערן צוטריט צו דעם נאטורליכן אוצר פאר יעדן צום געניסן איז א העכסטע פריאריטעט ביים סטעיט און ארטיגע שטאפל. איך בין אויסערגעווענליך שטאלץ צו זיין א טייל פונעם צוזאמארבעט צווישן אלע סטעיקהאָלדער מיט א האנט אין דעם, אריינגערעכנט מאו אהמאד פון פראנטיער טאון, דער NYS DEC, ארטיגע טאון באאמטע, און ROOST, אין שטופן די מיסיע פאראויס מיט׳ן אפירברענגען די שאָטל סערוויס. איך וויל אויך דאנקען גאווערנער האוקול פאר׳ן העלפן פארזיכערן קריטיש-וויכטיגע פינאנצירונג אויף צוצושטעלן די רעסאָרסן נייטיג אויף צו זיכער און שטאנדהאפטיג ארויסווייזן אונזער אויסגעצייכנטע וועלט-בארימטע ענווייראנמענטאלע אייגנשאפט, דער אדיראנדעק פארק.״

**אדיראנדעק פארק אגענטור פארזיצער דזשאן ערנסט האט געזאגט,** ״אזוי ווי דער אדיראנדעק פארק לייכט אויף איר אויג-פארכאפנדע הערבסט ׳פאָליעדזש׳ וועט דער עפנטליכער געזעלשאפט האבן נאך א בחינם׳דיגער שאָטל געלעגנהייט וואס וועט צושטעלן באקוועמען און זיכערע צוטריט צו מערערע טרעיל אריינגאנגען אין דעם הערליכן עסעקס קאונטי. אונטער גאווערנער האוקול׳ס פירערשאפט, טוט א שטארקע קאאליציע פון פובליק און פריוואטע צוזאמארבעטער ווייטער הצלחה׳דיג איינפירן פארוואלטונג סטראטעגיעס וואס פארברייטערן פארוויילונגס צוטריט אין שטאנדהאפטיגע אופנים דורכאויס די פארגלויסטעטע הויכע שפיצפונקט ראיאן.״

דאס הערבסט ׳פאָליעדזש׳ שאָטל שטעלט זיך אפ ביי די זעלבע דראַפּ-אָף ערטער ווי דער רוּט 73 הייקער שאָטל פון מארסי פיעלד, אבער דער וועג שטעלט צו העכערע צוטריט פאר באזוכער צו ווייטער לינדערן אומזיכערע און אומלעגאלע פארקינג אין דעם רוּט 73 קארידאר. דער אקטאבער שאָטל וועט אפערירן אויף א לוּפ שבת און זונטאג, אקטאבער 1 און 2, און שבת, זונטאג, און מאנטאג, אקטאבער 8, 9, און 10 פון 7 אינדערפרי ביז 7 אוונט. הונט זענען נישט ערלויבט. יעדעס שאָטל קען אקאמאדירן 20 פארער און זיצן זענען ווערן צוגעשטעלט לויט׳ן סדר ווי מען קומט אן.

דער הערבסט ׳פאָליעדזש׳ שאָטל פראגראם איז א פארברייטערונג פון דעם רוּט 73 הייקער שאָטל פראגראם ערשט אויספראבירט אין 2021, וואס שטעלט צו א בחינם׳דיגע אפציע פאר הייקערס וואס קענען נישט געפונען קיין פארקינג ביי זייער אויסדערוויילטע טרעיל אריינגאנג אדער וואס ווילן פשוט׳ער מאכן זייער דורכלעבעניש דורך פארקינג און פארן צו זייער דעסטינאציע. דאס רוּט 73 הייקער שאָטל אפערירט שבתים, זונטאגס, און האלידעי מאנטאגס ביז נאך ׳קאלומבוס דעי וויקענד׳ פון 7 אינדערפרי ביז 7 אוונט. רעזערוועישענס זענען נישט פארלאנגט. צוהעלפער זענען סטאנציאנירט ביי מארסי פיעלד צו העלפן הייקערס נאוויגירן דעם שאָטל סיסטעם און אויסשולן אויף פאראנטווארטליכע פארוויילונג, אריינגערעכנט גרייטקייט, הייקינג זיכערהייט, און ׳לאזט נישט קיין שפור׳ (Leave No Trace) פרינציפן.

לערנט אייך מער איבער דעם שאָטל פראגראם און געפונט א רוט מאפע און שאָטל סקעדזשול אויף דעם DEC וועבזייטל.

דער רוט 73 הייקער שאָטל סיסטעם איז מוסיף צו לאנגיעריגע סערוויס צוגעשטעלט דורכ׳ן טאון קיען, וואס שטעלט צו טראנספארטאציע צו און פון דעם טאון-באזיצטן ׳גארדען טרעילהעד׳ פון די מארסי פיעלד פארקינג אפטייל. דער טאון שאָטל לויפט אין צוזאמענהאנג מיט דעם רוט 73 שאָטל סיסטעם פון 7 אינדערפרי ביז 7 אוונט שבתים און זונטאגס ווען דער ׳גארדען׳ פארקינג לאט איז אנגעפילט. וואויל-אויפפירנדע הונטן אויף ליעשעס זענען ערלויבט אויפ׳ן טאון שאָטל.

דער שאָטל סיסטעם איז געווען צווישן די רעקאמענדאציעס אין די ׳בערג שפיצפונקט ראט גרופע׳ס (HPAG) ענדגילטיגע באריכט אויף שטיצן שטאנדהאפטיגע פארוויילונג אין דעם אדיראנדעק פארק. באשטייענדיג פון סטעיקהאָלדער מיט מבינות אין ארטיגע רעגירונג, פארוויילונג, נאטורליכע רעסאָרס אפהיטן, ביזנעס און טוריזם. אין 2019, איז HPAG באאויפטראגט געווארן מיט צושטעלן פאר DEC רעקאמענדאציעס אויף וויאזוי צו אדרעסירן קריטיש-וויכטיגע נושאים פארבינדן מיט העכערע פובליק באניץ פון בערג שפיצן רעסאָרסן כדי צו באשיצן די ערטער אין דעם קורצן און לאנגן טערמין, ווי אויך פאר צוקונפטיגע דורות. באזוכט דעם DEC וועבזייטל צו לייענען דעם באריכט.

צו פארזיכערן זיכערע און שטאנדהאפטיגע פארוויילונג, קענען ניו יארקער באזוכן ׳לאוו אווער ניו יארק לענדס׳ אויף זיך צו לערנען מער איבער וויאזוי צו זיין רעספעקטפול פון ניו יארקער שטחים, גיין אויף טרעילס וואו אנדערע גייען ווייניגער, זיך פירן מיט Leave No TraceTM, און צוריקגעבן דורך וואלונטיר ארבעט און אפוטרופוס׳שאפט.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418